Publié par l'Association pour l'Étude et la Diffusion de la Culture Yiddish et la Bibliothèque Medem avec le concours de la Délégation Générale à la Langue Française et la Forward Association

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַרן ייִדיש־לימוד און פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק

**יאָר 8, נומער 4 (39)**

**סיון תשס״ג/מײַ 2003**

# די אָפּגענאַרטע[1] האָפֿענונגען

## ייִדן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד[2]

די געשיכטע פֿון ייִדן און ייִדישער קולטור אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, מיט אַלע האָפֿענונגען וואָס זי האָט דערוועקט – האָט זיך אָנגעהויבן שיִער נישט[3] ווי אַ פֿעען־מעשׂהלע[4], נאָר זיך געענדיקט ווי אַ טראַגעדיע.




**דער פּלאַקאַט פֿון דעם סאָוועטישן סעזאָן אין פּאַריזער ייִדיש־צענטער**

די דאָזיקע געשיכטע איז די טעמע פֿון דער נײַער פּראָגראַם אינעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער, „אויפֿקום און אומקום פֿון דער ייִדישער קולטור אין ראַטן־פֿאַרבאַנד“. דעם 5טן מאַרץ 2003 האָט דער פֿאָרהאַנג זיך אויפֿגעהויבן אויף דעם סעזאָן מיט אַ קורצן פֿילם (געדרייט אין 1941) אין וועלכן מע זעט דעם דראַמאַטישן אויפֿרוף[5] פֿון דרײַ באַרימטע קינסטלער : פּרץ[6] מאַרקיש דער שרײַבער, שלמה[7] מיכאָעלס דער אַקטיאָר און טעאַטער־רעזשיסאָר, און סערגיי אײַזענשטיין דער פֿילם־רעזשיסאָר, רופֿן ייִדן פֿון דער גאַנצער וועלט זיי זאָלן זיך אָנשליסן אינעם קאַמף קעגן פֿאַשיזם. דער דאָזיקער רירנדיקער אויפֿרוף איז אויך געווען עמבלעמאַטיש פֿאַר די באַציִונגען צווישן דער ייִדישער קולטור און דער סאָוועטישער מאַכט, וואָס האָט זי צו ערשט צוגעצויגן, אויסגעניצט, דאַן אונטערגעדריקט און לסוף[8] פֿאַרפֿאָלגט[9] (לאָמיר דערמאָנען אַז צוויי פֿון די דרײַ קינסטלער זענען אומגעקומען אין די סטאַליניסטישע רעפּרעסיעס).

דער דאָזיקער סעזאָן ווײַזט ווי אַזוי די ייִדישע קולטור האָט זיך אַנטוויקלט און צעבליט[10] אין די צוואַנציקער יאָרן, און ווי אַזוי זי האָט שפּעטער געפּרוווט זיך צופּאַסן צום וואַקסנדיקן דרוק[11]. די אַקטיוויטעטן באַרירן אַלע געביטן : עס קומען פֿאָר רעפֿעראַטן אויף פֿראַנצייזיש און ייִדיש וועגן ליטעראַטור, קינאָ, טעאַטער, מאָלערײַ און טאָגטעגלעכן לעבן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד ; פֿילמען־פּראָיעקציעס, באַזונדערש אַ ציקל שטומע אוקראַיִנישע פֿילמען פֿון די יאָרן 1910–1930 ; אַ וואַרשטאַט וועגן ייִדישע לידער פֿון דער סאָוועטישער תּקופֿה[12] און וועגן די שרײַבער משה[13] קולבאַק, פּרץ מאַרקיש און דוד[14] האָפֿשטיין ; און צוויי ספּעקטאַקלען : בתיה בוימס[15] רעציטאַציע פֿון פּרץ מאַרקישעס *די קופּע*[16] און אַ רעציטאַל מיט שאַפֿונגען פֿון די אויסגעהרגעטע[17] ייִדישע פּאָעטן ; ביז דעם 24סטן מײַ קען מען אויך זען אַ פֿאָטאָ־אויסשטעלונג וועגן דעם מאָסקווער ייִדישן מלוכה־טעאַטער[18].

אַזוי, אויף זײַן ערשטן סעזאָן, פֿאַרבעט דער פּאַריזער ייִדיש־צענטער דעם עולם[19] צו אַנטדעקן די גרויסע וויטאַליטעט פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿט אין ראַטן־פֿאַרבאַנד איידער זי איז דערשטיקט געוואָרן. אַגבֿ[20], דעם 5טן מאַרץ 2003, דעם דערעפֿענונג[21]־טאָג פֿונעם סעזאָן, איז אויך אויסגעפֿאַלן סטאַלינס פֿופֿציקסטער יאָרצײַט[22] !

1. trompés/deluded 2. Union soviétique/Soviet Union 3. presque/almost 4. ...-mayse1e conte de fées/fairy tale 5. appel/appeal 6. perets 7. sh1oyme 8. 1esof à la fin/in the end 9. persécuté/persecuted 10. épanoui/blossomed 11. pression/pressure 12. tkufe époque/period 13. moyshe 14. dovid 15. basye ... de/by Batia Baum 16. *Le Tas/The Mound* 17. oysgehargete assassinés/murdered 18. melukhe... théâtre d'Etat/State Theater 19. oylem public 20. agev au fait/by the way 21. inauguration 22. anniversaire du décès/anniversary of the death.

# די ייִדישע ליטעראַטור אין ראַטן־פֿאַרבאַנד[1]

נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע פֿון 1917 האָבן זיך פֿאַר דער ייִדיש־קולטור אין רוסלאַנד, ווײַסרוסלאַנד און אוקראַיִנע געעפֿנט נײַע פּערספּעקטיוון. די באָלשעוויקן האָבן גערודפֿט[2] העברעיִש ווי אַ „רעאַקציאָנערע“, „קלעריקאַלע“ און „עליטיסטישע“ שפּראַך, ייִדיש אָבער האָבן זיי געשטיצט ווי די שפּראַך פֿון ייִדישן פֿאָלק. די רעגירונג האָט געהאָלפֿן אַנטוויקלען[3] ייִדישע שולן, פֿאָרש־אינסטיטוטן[4], טעאַטער, פֿאַרלאַגן[5] און פּרעסע. גאָר וויכטיקע אַרבעטן זענען פּובליקירט געוואָרן אויף די געביטן פֿון ייִדישער שפּראַכפֿאָרשונג, געשיכטע, ליטעראַטור־געשיכטע און ליטעראַטור־קריטיק. די פּלאַסטישע קונסט און דער טעאַטער האָבן געפֿונען נײַע, מאָדערנע אויסדרוק־מיטלען, וואָס האָבן צוגעצויגן דעם אויפֿמערק[6] אויך פֿון דער ניט־ייִדישער קריטיק אויף דער גאַנצער וועלט. דער אויפֿבלי[7] פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעכער. אין קיִעוו האָבן די יונגע מאָדערניסטישע שרײַבער פֿון דער „קיִעווער גרופּע“ אַרויסגעגעבן דעם אַלמאַנאַך[8] *אייגנס*[9] (1918-1920), אין מאָסקווע איז אַרויס די צײַטשריפֿט *שטראָם* (1922-1924). צווישן די שרײַבער דאַרף מען דערמאָנען דעם אימפּרעסיאָניסטישן פּראָזאַיִקער דוד[10] בערגעלסאָן (1884-1952), דעם מחבר[11] פֿון סימבאָליסטישע דערציילונגען דער נסתּר[12] (פּסעוודאָנים פֿון פּנחס[13] קאַהאַנאָוויטש, 1884-1950), דעם פּאָעט און פּראָזאַיִקער משה[14] קולבאַק (1896-1937), און די עקספּרעסיאָניסטישע דיכטער פּרץ[15] מאַרקיש (מחבר פֿון דער באַוווסטער פּאָגראָם־פּאָעמע *די קופּע*[16], 1895-1952), דוד האָפֿשטיין (1889-1952) און לייב קוויטקאָ (1890-1952). אין די צוואַנציקער יאָרן איז יעדער איינער פֿון די דאָזיקע שרײַבער אַ סך אַרומגעפֿאָרן און פֿאַרברענגט אַ לענגערע צײַט אין פּוילן, דײַטשלאַנד, פֿראַנקרײַך אָדער ארץ־ישׂראל[17]. זיי האָבן אָבער דאָרטן געלעבט אָפֿט אין גאָר שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען און נאָך אַ פּאָר יאָר האָבן זיי זיך אַלע אומגעקערט אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, וואָס האָט דעמאָלט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט די צוקונפֿט פֿון דער ייִדישער קולטור. נאָך עטלעכע יאָרן פֿון קינסטלערישער פֿרײַהייט האָט זיך אָבער דער מצבֿ[18] פֿון די שרײַבער, צוריקגעקומענע פֿון אויסלאַנד, גיך אָנגעהויבן צו פֿאַרערגערן.

## באַרג־אַראָפּ

פֿון דער מיט פֿון די 20ער יאָרן אָן קריגן די פּראָלעטאַרישע שרײַבער (ווי איזי כאַריק און איציק פֿעפֿער) מיט דעם קריטיקער משה ליטוואַקאָוו בראָש[19] אַלץ מער השפּעה[20] אינעם ליטעראַרישן לעבן און קריטיקירן גאָר שטאַרק אַלע שרײַבער וואָס פֿאָלגן ניט די פּאַרטיי־ליניע ; כּדי[21] אויסצומײַדן די אָנפֿאַלן[22] פֿון דער קריטיק, פּרוּוון די שרײַבער זיך פֿאַרנעמען מיט מער נייטראַלע זשאַנערס, ווי קינדער־ליטעראַטור צי איבערזעצונגען אויף ייִדיש. זיי פּרוּוון זיך אויך צופּאַסן צו דעם „סאָוועטישן רעאַליזם“, וואָס ווערט דער איינציקער דערלאָזטער וועג אין ליטעראַטור. פֿונעם סוף[23] פֿון די 20ער יאָרן אָן באַגרענעצט די סאָוועטישע מאַכט ביז גאָר[24] די קולטורעלע און נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקער פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד, אַרײַנגערעכנט[25] די ייִדן. די ליטעראַטור דאַרף זײַן „סאָציאַליסטיש אין אינהאַלט און נאַציאָנאַל אין פֿאָרעם“.



די הילע פֿון דער צײַטשריפֿט Ɫɫø ֹ (מאָסקווע), געצייכנט פֿון מאַרק שאַגאַל

אין די 30ער יאָרן ווערט דער מצבֿ פֿון די שרײַבער דראַמאַטיש : בשעת[26] סטאַלינס „רייניקונגען“[27] אין 1937 ווערן אומגעבראַכט[28], צווישן אַנדערע, משה קולבאַק און דער ליטעראַטור־היסטאָריקער מאַקס עריק ; נאָך עטלעכע (ווי דער פּראָלעטאַרישער פּאָעט איזי כאַריק) ווערן אַרעסטירט. פֿונדעסטוועגן דערשײַנען דעמאָלט עטלעכע וויכטיקע ווערק, ווי *די משפּחה*[29] *מאַשבער*, אַ רעאַליסטישער ראָמאַן פֿון דעם נסתּר.

## די מלחמה

נאָך דעם דײַטשישן אָנפֿאַל אויפֿן ראַטן־פֿאַרבאַנד, אין 1941, ווערט די סיטואַציע פֿון די ייִדישע שרײַבער אַ ביסל גרינגער – די סאָוועטישע רעגירונג האָט צו קריגן הילף פֿון ייִדן אין אויסלאַנד ; עס ווערט געשאַפֿן אין מאָסקווע אין 1942 דער ייִדישער

[סוף זײַט 3]

1. Union soviétique/Soviet Union 2. geroydeft persécuté/persecuted 3. développer/develop 4. instituts de recherche/research institutes 5. maisons d'édition/publishing houses 6. ont attiré l'attention/attracted the attention 7. épanouissement/blossoming 8. recueil littéraire/literary yearbook 9. «En propre»/«Our Own» 10. dovid 11. mekhaber auteur/author 12. der nister *lit.* «le caché»/«the hidden one» 13. pinkhes 14. moyshe 15. perets 16. *Le Tas/The Mound* 17. erets-yisroel terre d'Israël/land of Israel 18. matsev situation 19. bero'sh en tête/at the head 20. hashpoe influence 21. kedey afin de/in order to 22. attaques/attacks 23. sof fin/end 24. au maximum/to the utmost 25. y compris/including 26. besha's pendant/during 27. purges 28. assassinés/killed 29. mishpokhe famille/family

[סוף פֿון זײַט 2]

אַנטיפֿאַשיסטישער קאָמיטעט, אין וועלכן עס באַטייליקן זיך אַ סך ייִדישע שרײַבער. דער פּרעזידענט איז דער באַוווּסטער אַקטיאָר און רעזשיסאָר פֿונעם ייִדישן מלוכה[30]־טעאַטער, שלמה[31] מיכאָעלס. די ייִדישע ליטעראַטור פֿון דער דאָזיקער צײַט רעדט אַ סך וועגן דעם גורל[32] פֿון ייִדן. נאָר גיך נאָך דער מלחמה[33] ענדיקט זיך די רעלאַטיווע פֿרײַהייט פֿאַר ייִדישע שרײַבער. שוין אין 1946 קריטיקירט זשדאַנאָוו[34] די „קאָסמאָפּאָליטן“ אין ליטעראַטור און קונסט. אין 1948 הייבן זיך אָן די שוואַרצע יאָרן: אין יאַנואַר ווערט דערהרגעט[35] שלמה מיכאָעלס, סוף 1948 ווערן אַרעסטירט די ייִדישע שרײַבער און קולטור־טוער. אַלע אינסטיטוציעס פֿונעם ייִדישן לעבן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, ווי טעאַטערס, צײַטשריפֿטן און פֿאַרלאַגן ווערן פֿאַרמאַכט. דעם 12טן אויגוסט 1952 ווערן דערשאָסן, צווישן אַנדערע, די שרײַבער דוד בערגעלסאָן, דוד האָפֿשטיין, פּרץ מאַרקיש, איציק פֿעפֿער און לייב קוויטקאָ (דער נסתּר איז געשטאָרבן אין שפּיטאָל אין 1950). די דרויסנדיקע וועלט וועט לאַנגע יאָרן ניט וויסן וואָס מיט זיי איז געשען.

צווישן 1948 און 1958 הערשט אין ראַטן־פֿאַרבאַנד אַ שטילשווײַגן אַרום ייִדישע טעמעס; ביז 1959 דערשײַנט ניט קיין ייִדיש בוך; ערשט אין 1961 דערלויבט די רעגירונג די פּובליקאַציע פֿון אַ ליטעראַרישער צײַטשריפֿט, מאָסקווער *סאָוועטיש היימלאַנד* (1991-1961), אונטער דער רעדאַקציע פֿונעם פּאָעט אַהרן[36] ווערגעליס. אַרום אָט דער צײַטשריפֿט גרופּירן זיך נײַע ייִדישע שרײַבער. די שאַפֿונגען פֿון דער דאָזיקער תּקופֿה[37] קען מען ניט פֿאַרגלײַכן מיט דעם אויפֿטו פֿון די אומגעבראַכטע שרײַבער, אָבער פֿונדעסטוועגן ווערן אין דער צײַט געשאַפֿן עטלעכע וויכטיקע ווערק, ווי דער ראָמאַן פֿון עלי שעכטמאַן *ערבֿ*[38]. דער לעצטער נומער פֿון *סאָוועטיש היימלאַנד* דערשײַנט אין 1991, ווען עס צעפֿאַלט זיך דער ראַטן־פֿאַרבאַנד.

30. melukhe- d'Etat/State 31. shloyme 32. goyrl destin/fate 33. milkhome guerre/war 34. homme politique influent, théoricien du réalisme socialiste/influential political figure, theoretician of socialist realism 35. derharget assassiné/killed 36. arn 37. tkufe époque/period 38. erev *A la veille de... /The Eve.*

# משה קולבאַק

## (1937-1896)



משה[1] קולבאַק שטאַמט פֿון ווײַסרוסלאַנד; וועגן דער געגנט ווו ער האָט געווינט קינדווײַז האָט ער שפּעטער אָנגעשריבן אַ פּאָעמע[2] *רײַסן*[3]. ער איז אויך דער מחבר[4] פֿון אַן אויטאָביאָגראַפֿישער פּאָעמע וועגן זײַנע יאָרן אין בערלין, *דיסנער טשײַלד האַראָלד*[5], און אַ פּאָר וויכטיקע פּראָזעווערק: דער מאָדערניסטישער ראָמאַן *משיח בן אפֿרים*[6], און אַ רעאַליסטישער משפּחה[7]־ראָמאַן *זעלמעניאַנער*. אַ פּאָר יאָר האָט ער געאַרבעט אין ווילנער ייִדישער גימנאַזיע ווי ליטעראַטור־לערער און געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה[8] אויף זײַנע תּלמידים[9]. אין 1928 איז ער צוריקגעפֿאָרן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, ווו מע האָט אים אומגעבראַכט אין 1937.

דאָס ליד *שטערנדל* איז געווען קולבאַקס ליטעראַרישער דעביוט. ער האָט עס אָפּגעדרוקט אין די ווילנער *ליטעראַרישע זאַמלהעפֿטן* בשעת[10] דער ערשטער וועלט־מלחמה[11], אין 1916. אין 1918 האָט מ. קיפּניס אָנגעשריבן מוזיק צום *שטערנדל* און מע האָט עס געזונגען ווי אַ פֿאָלקסליד.

1. moyshe 2. long poème/long poem 3. Biélorussie/Bielorussia *syn.* ווײַסרוסלאַנד 4. mekhaber auteur/author 5. allusion au poème de Byron *Childe Harold*/reference to Byron's *Childe Harold* דער העלד שטאַמט פֿון דעם שטעטל דיסנע. 6. meshiekh ben efroim *Le Messie fils d'Ephraïm/Messiah, son of Ephraim* 7. mishpokhe famille/family 8. hashpoe influence 9. talmidim élèves/students 10. besha's pendant/during 11. milkhome guerre/war.

# שטערנדל

שטערנדל, שטערנדל, בלויער שטאַפֿעטעלע[1],
זײַ מיר אַ שליח[2] און פֿאַל אין מײַן שטעטעלע.

זען וועסט אַ געסעלע, נאָך דעם אַ גריבעלע[3],
דאָרטן געפֿינט זיך מײַן חרובֿע[4] שטיבעלע.

עלנט, אַליין בײַ דער פֿינצטערער שײַבעלע[5],
זיצט דאָרט פֿאַרטרויערט און דאגהט[6] מײַן ווײַבעלע.

טרייסט איר, דו שטערנדל, לײַכט איר אין שטוב אַרײַן.
זאָג איר: דער אייבערשטער[7] וועט זיך מרחם זײַן[8].

פֿרעג וואָס מאַכט יאַנקעלע, לאהצע[9] און ריוועלע;
זאָג זיי איך לייען און קוש זייער בריוועלע.

זאָג זיי אַז יאַנקעלען זאָל מען ניט זשאַלעווען[10],
געבן אין חדר[11], געגוג אים צו באַלעווען[12].

זאָל ער זיך אויסלערנען קדיש[13] ווי ס׳דאַרף צו זײַן,
אפֿשר[14]... מען ווייסט ניט... נאָר גאָט וועט מרחם זײַן.

1. estafette, héraut/herald, envoy 2. sheliekh messager/messenger 3. *dim. de/of* גרוב fossé/ditch 4. kho'reve délabré/broken-down 5. *dim. de/of* שויב vitre/windowpane 6. dayget se fait du souci/is worrying 7. Dieu/God 8. merakhem ... aura pitié/will be merciful 9. leytse *dim. de/of* Leye (Leah) 10. ménager/spare 11. kheyder école religieuse juive/traditional Jewish religious school 12. gâter/spoil 13. kadesh prière récitée en particulier par un fils pour son père défunt/prayer said especially by a son for a dead parent 14. efsher peut-être/perhaps.

# ביראָבידזשאַן – ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט[1] אין ראַטן־פֿאַרבאַנד[2]

**ביראָבידזשאַן איז אַ געגנט אין מיזרח[3]־רוסלאַנד, אין דעם אַזיאַטישן טייל, בײַ דער כינעזישער גרענעץ. די הויפּטשטאָט פֿון דער געגנט הייסט אויך ביראָבידזשאַן. אין 1928 האָט די סאָוועטישע רעגירונג באַשלאָסן צו שאַפֿן דאָרטן אַ טעריטאָריע פֿאַר ייִדן, און אין 1934 איז עס אָפֿיציעל געוואָרן די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט.**

פֿאַר וואָס האָט מען געגעבן ייִדן אַ נאַציאָנאַלע טעריטאָריע? לויט דער סאָוועטישער אידעאָלאָגיע האָט אַ פֿאָלק געדאַרפֿט האָבן אַ לאַנד, כּדי[4] מע זאָל עס קענען דעפֿינירן ווי אַ פֿאָלק. די ייִדן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד זײַנען געווען אַ גרויסע גרופּע מיט נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס און מע האָט זיי ניט געקענט דעפֿינירן בלויז לויט דער רעליגיע – נאָך דערצו אין אַן אַטעיִסטיש לאַנד. אַנדערע פֿעלקער אין ראַטן־פֿאַרבאַנד האָבן שוין געהאַט אייגענע רעפּובליקן אָדער קלענערע טעריטאָריעס, האָט מען באַשלאָסן צו גרינדן אַ געגנט אויך פֿאַר ייִדן. דערצו האָט די סאָוועטישע מאַכט געוואָלט שאַפֿן אַן אַלטערנאַטיוו צום ציוניזם[5], וואָס האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ סך אָנהענגער[6]. דאָס שאַפֿן אַ ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט איז אויך געווען אַ טייל פֿונעם פּלאַן פֿון „פּראָדוקטיוויזאַציע“ פֿון ייִדן, דער עיקר[7] דורך דער ערדאַרבעט, וואָס איז פֿריִער ניט געווען קיין טראַדיציאָנעלע ייִדישע פּרנסה[8].

## אין ווײַטן מיזרח

פֿאַר וואָס האָט מען אויסגעקליבן דווקא[9] ביראָבידזשאַן, וואָס ליגט טויזנטער קילאָמעטער פֿון מאָסקווע און ווו עס האָבן פֿריִער ניט געוווינט קיין ייִדן? מע קען זיך פֿאָרשטעלן אַז עס וואָלט געווען שווער צו שאַפֿן אַ ייִדישע טעריטאָריע אין מיטן אוקראַיִנע אָדער ווײַסרוסלאַנד, ווו עס האָבן טאַקע געוווינט אַ סך ייִדן, נאָר אויסגעמישט מיט דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג[10]. האָט די רעגירונג אויסגעקליבן אַ געגנט אין ווײַטן מיזרח, ווו עס האָבן געלעבט ווייניק מענטשן, און וואָס מע האָט געוואָלט אינדוסטריאַליזירן. אַזוי ווי ביראָבידזשאַן ליגט בײַ דער כינעזישער גרענעץ, איז איר אַנטוויקלונג[11] געווען וויכטיק אויך פֿון סטראַטעגיש קוקווינקל.

4

אין די ערשטע יאָרן זײַנען אין ביראָבידזשאַן אָנגעקומען טויזנטער ייִדישע משפּחות[12] פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד און פֿון דער גאַנצער וועלט: פּוילן, פֿראַנקרײַך, און דער עיקר אַמעריקע. זיי האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט גרויס ענטוזיאַזם. דאָס לעבן איז אָבער געווען זייער שווער – אויפֿן אָרט איז גאָרניט ניט געווען, ניט קיין הײַזער, ניט קיין קראָמען, ניט קיין שולן. מע האָט אַלץ געדאַרפֿט אויפֿבויען מיט די אייגענע הענט און מיט זייער ווייניק אַרבעט־געצײַג[13]. ייִדן פֿון אויסלאַנד האָבן געשיקט אין ביראָבידזשאַן געלט און מאַשינען, נאָר אַ סך פֿון דעם איז צעגנבֿעט געוואָרן[14] אויפֿן וועג און קיין מאָל ניט אָנגעקומען צום ציל. דער סאָוועטישער סיסטעם מיט זײַן דיקטאַטאָרישן כאַראַקטער און ביוראָקראַטיע האָט אויך ניט דערלויבט צו פֿיל אייגענע איניציאַטיוו בײַ דער אַרבעט און קיין פֿרײַע אַנטוויקלונג פֿון דער געגנט. דערצו זײַנען די קלימאַטישע באַדינגונגען אויפֿן אָרט געווען גאָר שווערע און די נאַטור אַ פֿײַנטלעכע – קאַלט אין ווינטער, פֿײַכט[15] אין זומער, אַ סך בלאָטעס אַרום און אַרום, דער עיקר אין פֿרילינג, ניט קיין גוטע ערד – און מיליאָנען מוקן[16]. צוליב די אַלע סיבות[17] האָט דאָס רובֿ[18] פֿון די אימיגראַנטן גיך פֿאַרלאָזט ביראָבידזשאַן. אַנדערע זײַנען אָבער געבליבן און געפּרוּווט שאַפֿן דאָרטן אַ לעבן, און אַפֿילו[19] אַ קולטור־לעבן. די אָפֿיציעלע שפּראַך פֿון ביראָבידזשאַן איז געווען ייִדיש, עס זײַנען דאָרטן דערשינען עטלעכע ייִדישע ביכער, צײַטשריפֿטן און אַ ייִדישע צײַטונג *דער ביראָבידזשאַנער שטערן* וואָס ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז זי אַריבער אויף רוסיש. די גאַסן האָבן געהאַט (און האָבן נאָך אַלץ)



באַנסטאַנציע פֿון ביראָבידזשאַן

[סוף זײַט 5]

1. Région autonome juive/Jewish Autonomous Region 2. Union soviétique/Soviet Union 3. mizrekh de l'Est/eastern 4. kedey afin que/so that 5. tsienizm sionisme/Zionism 6. sympathisants/followers 7. der iker surtout/especially 8. parnose gagne-pain/livelihood 9.dafke justement/in particular 10. population 11. développement/development 12. mishpokhes familles/families 13. outils/tools 14. tseganvet … a été volé/was stolen 15. humide/damp 16. moustiques/mosquitos 17. sibes raisons/reasons 18. dos rov majorité/majority 19. afile même/even

# דוד האָפּשטיין (1889-1952)



דוד[1] האָפּשטיין איז געבוירן געוואָרן אין אַ שטעטל ניט ווײַט פֿון קיִעוו. ער האָט אָנגעהויבן צו שרײַבן לידער אויף העברעיִש, רוסיש און אוקרײַניש, נאָך גיך איז ער אַריבער אויף ייִדיש. צוזאַמען מיט בערגעלסאָנען און מאַרקישן האָט ער געשאַפֿן די „קיִעווער גרופּע“, אַ גרופּע מאָדערניסטישע ייִדישע שרײַבער אַרום דער צײַטשריפֿט „אייגנס“. ער איז אויף אַ פּאָר יאָר אַוועקגעפֿאָרן פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד, נאָך דעם ווי ער האָט פֿאַרטיידיקט[2] די העברעיִשע שפּראַך. ער האָט געוווינט אין דײַטשלאַנד און אין ארץ־ישׂראל[3]. אין 1926 האָט ער זיך צוריקגעקערט אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, ווו ער איז אומגעברענגט געוואָרן צוזאַמען מיט אַנדערע ייִדישע שרײַבער דעם 12טן אויגוסט 1952.

אין דעם מאָדערניסטישן ליד *שטאָט* דריקט אויס דער פּאָעט דעם געפֿערלעכן צוצי־כּוח[4] פֿון אַ גרויסער שטאָט.

1. dovid 2. plaidé pour/spoken in defense of 3. erets-yisroel terre d'Israël/land of Israel 4. ...-koyekh force d'attraction/power of attraction.

[סוף פֿון זײַט 4]

נעמען פֿון ייִדישע שרײַבער, עס האָט געשפּילט דאָרטן אַ ייִדיש טעאַטער און קינדער אין די שולן האָבן זיך געלערנט אויף ייִדיש.

## פֿאַרלוירענע אילוזיעס

אַ סך ענטוזיאַסטן וואָס זײַנען געבליבן אין ביראָבידזשאַן האָט מען אַרעסטירט און אומגעברענגט[20], אָדער פֿאַרשיקט אין גולאַג, סוף דרײַסיקער יאָרן, בשעת[21] סטאַלינס „רייניקונגען“[22]. דאָס קולטורעלע לעבן האָט זיך פֿאַקטיש אָפּגעשטעלט אין 1948, בשעת די רדיפֿות[23] אויף ייִדישער קולטור אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. אַ סך ייִדן זײַנען אַוועקגעפֿאָרן – דער עיקר קיין ישׂראל – אין די אַכציקער און נײַנציקער יאָרן. הײַנט בלײַבן אין ביראָבידזשאַן בלויז אַ פּאָר טויזנט ייִדן (אַ סך פֿון זיי עלטערע מענטשן וואָס האָבן ניט ווו אַוועקצופֿאָרן) וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר[24] אַ קליינעם פּראָצענט פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג. אין איין שול קענען זיך אָבער די קינדער נאָך אַלץ לערנען ייִדיש און אויף דער באַנסטאַנציע קען מען נאָך אַלץ לייענען די ייִדישע אויפֿשריפֿט „ביראָבידזשאַן“.

20. tués/killed 21. besha's pendant/during 22. purges 23. redifes persécutions 24. représentent/represent.

## שטאָט

שטאָט !
דו האָסט מיך פֿון ווײַטן גערופֿן
מיט הודען[1] פֿון דראָט[2] !
כ'האָב שטענדיק אויף באַרג דיך געזען !
דו האָסט מיך פֿון ווײַטן געצויגן
מיט צוואַנגען[3]
פֿון שײַן און פֿון שימער[4] –
דו האָסט מיך פֿאַרנאַרט[5]
און דו האָסט מיך געפֿאַנגען !
די רו פֿון מײַן דאָרפֿישן צימער
האָסטו מיר צעעקבערט[6]
מיט פֿײַפֿן פֿון צוגן,
צעשפּאָלטן[7], צעשפּליטערט[8]
מיט ציטער פֿון רעלסן[9]...
אין הייכן איז שטענדיק געהאַנגען,
איז שטענדיק געגאַנגען
דער אומרו פֿון דײַנע פֿאַרצויבערטע[10] קלאַנגען –
שטאָט !
דו האָסט מיך געפֿאַנגען !

פֿאַר מײַנע פֿאַרבלענדעטע[11] אויגן
אויף פֿעלדער און וועלדער־באַראָט[12]
איצט ליגט דײַן אַלמעכטיקער[13] שטיינערנער קערפּער
מיט רערן[14] פֿאַרוואָרצלט אין טיף פֿון דער ערד,
צעשלײַדערט[15] די אָרעמס,
געהויפֿנט, געגאָרנט.
צעקעסטלט, צעצימערט[16],
אין גרונטן פֿאַרשוואַרצט און אין הייכן באַשימערט.
מיט קוימענס[17] פֿאַרשפּיצט און מיט שאַרפֿן[18] פֿאַרטורעמט,
פֿאַרקניפּט[19] און פֿאַרגאַרטלט[20] מיט רעלסישע שלאַנגען,
באַפֿלאָכטן[21], באַהאַנגען
מיט שפּינוועבס[22] פֿון דראָט, –
שטאָט !
דו האָסט מיך געפֿאַנגען.

[...]

1. *variante de/variant of* הודזשען/הודיען bourdonnement/humming 2. fil (électrique)/(electrical) wire 3. tenailles/tongs 4. éclat/shimmer 5. leurré/enticed 6. percé/pierced 7. fendu/split 8. éclaté/shattered 9. rails 10. ensorcelés/enchanted 11. éblouis/dazzled 12. livrés aux/left to the mercy of 13. tout-puissant/almighty 14. tuyaux/tubes 15. écartelés/flung out 16. *néologismes basés sur/neologisms based on* : cour/courtyard הויף ; étage/storey גאָרן ; case/box קעסטל ; chambre/room צימער 17. cheminées/chimneys 18. des tranchants/sharp edges 19. noué/knotted 20. ceinturé/girded 21. tressé/braided 22. toiles d'araignée/spiderwebs.

# שפּיל, כּלי־זמר[1], שפּיל !

**דער אינטערעס פֿאַר כּלי־זמר־מוזיק האַלט הײַנט צו טאָג אין איין וואַקסן[2]. אין אַ סך לענדער זײַנען דאָ כּלי־זמר־קאַפּעליעס[3] וואָס שפּילן קאָנצערטן און גיבן אַרויס פּלאַטעס[4], מען אָרגאַניזירט פֿעסטיוואַלן וואָס ברענגען צונויף טויזנטער מענטשן. אין פֿראַנקרײַך, ווו ס'איז שוין לאַנג דאָ כּלי־זמר־קאַפּעליעס, איז איצט פֿאָרגעקומען צום ערשטן מאָל אַ וואַרשטאַט[5] פֿאַר כּלי־זמר־מוזיק.**

דער וואַרשטאַט איז פֿאָרגעקומען פֿונעם 17טן ביז דעם 22סטן פֿעברואַר 2003 אינעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער. די 40 אָנטייל־נעמער[6] זײַנען געווען דערפֿאַרענע[7] מוזיקערס – מענטשן וואָס שפּילן שוין אויף אַן אינסטרומענט און ווילן זיך אויסלערנען די ספּעציפֿישע טעכניקעס פֿונעם כּלי־זמר־סטיל. זיי האָבן זיך באַטייליקט[8] אין קלאַסן אָנגעפֿירט פֿון באַרימטע מוזיקערס. זיי האָבן אויך געזען פֿילמען, געהערט רעפֿעראַטן און געקענט גיין אויף וואַרשטאַטן פֿון טאַנץ און געזאַנג. אַלע נאַכט זײַנען, פֿאַרשטייט זיך, געווען קאָנצערטן פֿון פֿאַרשיידענע קאַפּעליעס און בײַם סוף – אַ קאָנצערט פֿון אַלע אָנטייל־נעמער, לערערס און סטודענטן, אַלע צוזאַמען אין איין „ביג באַנד“. זיי האָבן געשפּילט און געהוליעט[9] ביז פֿאַר טאָג[10].

די אָרגאַניזאַטאָרין פֿון דער גאַנצער אונטערנעמונג איז עסטעל הולאַק, פֿונעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער. „דער דאָזיקער פּראָיעקט איז מיר געלעגן נאָענט צום האַרצן שוין יאָרן לאַנג“, זאָגט עסטעל. „ווי נאָר מיר האָבן באַקומען אונדזער נײַעם לאָקאַל האָב איך זיך גענומען צו דער אַרבעט. איך האָב אָבער געדאַרפֿט געפֿינען אַ מוזיקער וואָס זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט די מוזיקאַלישע אַספּעקטן פֿון דער אימפּרעזע[11]. מע האָט מיר פֿאָרגעשטעלט מאַרטע דעראָזיער[12], אַ פּראָפֿעסיאָנעלע פֿלייט[13]־שפּילערין און אַ מיטגליד פֿון דער כּלי־זמר־קאַפּעליע 'מישעגאָס'“.

## אַ פּאַריזער קלעזקעמפּ

דערציילט מאַרטע : „איך בין גלײַך מסכּים געווען[14]. אויך פֿאַר מיר איז אַזאַ פּראָגראַם געווען אַן אַלטער חלום[15]. מיר האָבן באַשטימט אַז דאָס וועט פֿאָרקומען אין פֿעברואַר – ס'איז שוין געווען נאָוועמבער ! – און מיר האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן[16] אויפֿן אינטערנעץ און אַרויסגעשיקט אַן אַנאָנס. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן מיר באַקומען הונדערטער אָפּרופֿן[17], פֿון אַלע לענדער, אויך פֿון אַ סך אַמעריקאַנער, נאָר לײַדער האָט אונדזער בודזשעט אונדז נישט דערלויבט זיי אַריבערצוברענגען פֿון אַמעריקע. האָבן מיר זיך קאָנצענטרירט אויף אייראָפּע און מיר האָבן צונויפֿגענומען אַן אָפּגעקליבענע[18] גרופּע באַרימטע מוזיקערס, ווי מערלין שעפּהערד[19] (פֿון דער גרופּע „בודאָוויץ“), באָב כּהן[20], יאַנקל פֿאַלק[21] (ביידע פֿון דער „נײַער קאַפּעליע“ פֿון בודאַפּעסט) און מישעל באָזשיקאָווסקי[22] (פֿאָרזיצער[23] פֿון דער געזעלשאַפֿט „פֿרײַנד פֿון דער ייִדישער מוזיק“ פֿון גענף[24]). יעדער איינער האָט צוגעטראָגן זײַן ספּעציפֿישן טאַלאַנט, זײַן חוש[25] און פֿעיִקייטן[26]. בײַם אָרגאַניזירן די פּראָגראַם האָבן מיר זיך אינספּירירט פֿון דעם אַמעריקאַנער און קאַנאַדער „קלעזקעמפּ“[27], מיט פּרטימדיקע[28] לעקציעס וועגן מוזיקאַלישער טעכניק און טעאָריע, און קאָנצערטן און רעפֿעראַטן פֿאַרן ברייטערן עולם[29]. צווישן די אָנטייל־נעמער זײַנען געווען מענטשן פֿון גאַנץ פֿראַנקרײַך, יונגע און עלטערע, ייִדן און ניט־ייִדן. זיי האָבן געהאַט אַזאַ פֿאַרגעניגן צו שפּילן, טאַנצן און פֿאַרברענגען צוזאַמען ! אין הײַנטיקע שווערע צײַטן איז גוט זיך צו דערמאָנען דעם כּוח[30] פֿון מוזיק אין צוזאַמענברענגען מענטשן.“

און די צוקונפֿט ?

„לאָמיר האָפֿן“, ענטפֿערט מאַרטע, „אַז מיר וועלן דאָס קענען ווײַטער פֿירן. אָבער אָט דער ערשטער פּרוּוו איז שוין געווען פּראָדוקטיוו. נײַע קאַפּעליעס זײַנען זיך צונויפֿגעקומען און אַ פּאָר אַלטע האָבן זיך פֿאַרגרעסערט, אַ דאַנק די באַקאַנטשאַפֿטן וואָס מע האָט געשלאָסן אין דעם וואַרשטאַט.“



**די גאַנצע „קאַפּעליע“**

1. klezmer musicien/musician 2. ne cesse de croître/is constantly growing 3. groupes/groups 4. disques/records 5. atelier/workshop 6. participants 7. expérimentés/experienced 8. ont participé/took part 9. fait la fête/celebrated 10. aube/dawn 11. manifestation/event 12. Marthe Desrosières (du groupe/from the group Mishegos) 13. flûte 14. maskim ... j'ai été d'accord/I agreed 15. kholem rêve/dream 16. nous nous sommes jetées/we threw ourselves 17. réponses/responses 18. trié sur le volet/select 19. Merlin Shepherd (du groupe/from the group Budowicz) 20. Bob Cohen 21. Jack Falk (tous les deux de/both from Di Naye Kapelye) 22. Michel Borzikovski 23. président 24. Genève/Geneva 25. khush sensibilité/feeling 26. compétences/skills 27. Klezcamp, stage de musique klezmer/camp session on klezmer music 28. protimdike détaillés/detailed 29. oylem public 30. koyekh force/strength.

# אַ כּלי־זמר[1] פֿון „קלעזמאַטיקס“

**דער ווײַטערדיקער אַרטיקל, אַן אינטערוויו מיט לאָרין סקלאַמבערג, פֿון די „קלעזמאַטיקס“, איז געשריבן געוואָרן ספּעציעל פֿאַרן *ייִדישן טעם־טעם* פֿון בלעז גאָלדענשטיין, אַ פֿראַנצייזישער זשורנאַליסט. געשריבן האָט ער אין פֿראַנצייזיש, און דאָס איז איבערגעזעצט געוואָרן פֿון די תּלמידים[2] פֿונעם שרײַבקורס אין דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער.**

לאָרין סקלאַמבערג איז איינע פֿון די הויפּט־פֿיגורן פֿון דער אַמעריקאַנער כּלי־זמר־מוזיק. ער זינגט מיט דער גרופּע „קלעזמאַטיקס“ און ער איז דער גרינדער[3] פֿון קלעזקעמפּ־פֿעסטיוואַל[4]. ער איז אַלע מאָל גרייט אַרײַנצונעמען אין דער ייִדישער מוזיק נײַע עקספּערימענטן.

– צי איז כּלי־זמר־מוזיק געווען אַ טייל פֿון אײַער אַרום[5] אין די קינדער־יאָרן ?

איך בין געבוירן אין לאָס אַנדזשעלעס און אויפֿגעוואַקסן אין אַ קהילה[6], פֿון די וואָס הייסן אין אַמעריקע „קאָנסערוואַטיוו“ (טראַדיציאָנעל נאָר נישט אָרטאָדאָקסיש). אָבער דעמאָלט, גלײַך נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה[7], פֿלעגט מען נישט הערן קיין כּלי־זמר־מוזיק. מען האָט געלעבט מיטן פּנים צו[8] ישׂראל ; אַנשטאָט זיך צו לערנען ייִדיש, האָט מען זיך געלערנט עבֿרית[9], אַנשטאָט צו הערן ייִדישע לידער, פֿלעגט מען הערן ישׂראלדיקע[10] זינגערס...

– אַזוי אַרום[11] האָט איר זיך באַמיט[12] אָפּצוגעפֿינען אָט די ירושה[13] און איר האָט ליב זי איבערצוגעבן...

יאָ, טאַקע דערפֿאַר אַרבעט איך איצט אין ייִוואָ[14], ווי אַן אַרכיוויסט. פֿערצן יאָר נאָך אַנאַנד האָב איך אײַנגעאָרדנט דעם קלעזקעמפּ, אַ זומער־לאַגער[15] פֿאַר כּלי־זמרים. איך בין שטאָלץ אַז איך באַטייליק זיך[16] אין דעם דאָזיקן רענעסאַנס : הײַנט צו טאָג זענען פֿאַראַן צוויי נײַע דורות[17] וואָס זענען אויפֿגעוואַקסן הערנדיק און שפּילנדיק די מוזיק פֿון דער ייִדישוועלט, און זינגענדיק אויף ייִדיש.

– אָנהייב יאָרהונדערט, זײַנען כּלי־זמרים געווען באַהאַוונט[18] אין חזנות[19], האָבן גוט געקענט דעם חזנישן סטיל. צי איז הײַנט פֿאַראַן אַ מאָדעל פֿאַר דער כּלי־זמרים־אויסשולונג[20] ?

הײַנט צו טאָג האָבן די כּלי־זמרים אַ ברייטערן קוק, זיי ווייסן אַז כּדי[21] צו פֿאַרשטיין דעם אייגענעם סטיל, מוזן זיי הערן אַנדערע מוזיקן. אין די זיבעציקער יאָרן האָבן די, וואָס האָבן זיך ווידער גענומען לערנען כּלי־זמר־מוזיק, געהערט דאָס וואָס איז צו זיי דערגאַנגען : אַ מוזיק אַ צוגעפּאַסטע צו דער אַמעריקאַנער פֿאָלקס־קולטור. אַזוי אַרום איז זי נישט געווען דירעקט פֿאַרבונדן מיט חזנות אָדער מיט חסידישע[22] ניגונים[23]. אין אָט דעם רענעסאַנס האָבן די מוזיקערס זיך געפֿילט פֿרײַער צו אַנטדעקן אַן אייגענעם וועג אין שפּילן, און האָבן אויסגעפֿאָרשט די פֿאַרשיידענע מוזיקן מיט וועלכע די כּלי־זמר־מוזיק האָט זיך אָנגעזאַפּט : די רומענישע, ציגײַנערישע[24], אוקרײַנישע און אויך די פּוילישע פֿאָלקסמוזיק... דאָס הייסט, אַז די מאָדערנע כּלי־זמר־מוזיק איז גיכער[25] אַ באַנײַונג פֿון דער טראַדיציאָנעלער כּלי־זמר־מוזיק, און דאַכט זיך מיר אַז ס'איז גוט אַזוי.

– אויף וועלכע כּלי־זמרים פֿאַררופֿט איר זיך[26] ?

צווישן די זינגערס, באַוווּנדער[27] איך זייער מײַקל אַלפּערט, פֿון דער גרופּע „ברייוו אָלד וואָרלד“, און עדריען קופּער וואָס איז געווען מײַן לערערקע. און אויך דייוו וואַל, וואָס ער איז געקומען פֿון דער וועלט פֿון גאָספּעל און ער איז איינער פֿון די, וואָס מאַכן דעם שטאַרקסטן רושם[28].

– וואָס פֿאַר אַן עצה[29] וואָלט איר געקענט געבן אַ מענטש וואָס וויל זיך לערנען שפּילן כּלי־זמר־מוזיק ?

צו ערשט דאַרף מען זיך לערנען די טענץ. דאַן דאַרף מען זיך אָנזאַפּן מיט די פֿאַרשיידענע מקורים[30] : לייענען, הערן חזנות, חסידישע ניגונים, אאַ״וו[31].

– וואָס זענען אײַערע נײַע פּראָיעקטן ?

צוויי נײַע פּלאַטעס[32]. דער נײַער קלעזמאַטיקס אַלבום („שטייט אויף“) וועט דערשײַנען קומענדיקן פֿרילינג ; ער וועט אַרײַננעמען אי טראַדיציאָנעלע מוזיק, אי נײַע קאָמפּאָזיציעס. איך האָב אויך רעקאָרדירט דעם „זמירות[33] פּראָיעקט“ מיט פֿראַנק לאָנדאָן און ראָב שווימער. ס'איז אַ נײַע אינטערפּרעטאַציע פֿון שבתדיקע[34] זמירות.

| | |
|---|---|
| | וואָקאַבולאַר אַרום קלעזמער־מוזיק |
| ensemble de musiciens | די קאַפּעליע |
| musicien populaire | דער כּלי־זמר[1] (ים) |
| musicien, artiste | דער מו'זיקער |
| mélodie, air | דער ניגון[2] (ים) |
| danse | דער טאַנץ (טענץ) |
| **instruments à cordes :** | **סטרונע־אינסטרומענטן :** |
| violon | דער/די פֿידל |
| contrebasse | דער באַס |
| **instruments à vent :** | **בלאָז־אינסטרומענטן :** |
| clarinette | דער קלאַרנע'ט |
| flûte | די פֿלייט |
| accordéon | די האַרמאָניע |
| **percussions :** | **שלאָג־אינסטרומענטן :** |
| cymbalum | דער צימבל |
| caisse, tambour | די פּויק |
| **parties d'instruments :** | **טיילן אינסטרומענטן :** |
| archet | דער סמיטשיק |
| corde | די סטרונע |
| touche | דער קלאַווי'ש |

1. klezmer *pl.* klezmorim 2. nign *pl.* nigunim

1. klezmer musicien/musician ; *plur.* כּלי־זמרים klezmorim 2. talmidim élèves/students 3. fondateur/founder 4. stage de musique klezmer/camp session on klezmer music 5. environnement/background 6. kehile communauté/community 7. milkhome guerre/war 8. ... ponem ... tourné vers/facing toward 9. ivrit hébreu moderne/modern Hebrew 10. yisroeldike israéliens/Israeli 11. donc/thus, so 12. efforcé/made an effort 13. yerushe héritage 14. YIVO ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט 15. colonie de vacances/summer camp 16. participe/am taking part 17. doyres générations ; *sing.* dor דור 18. compétents/well-versed 19. khazones le chant liturgique/cantorial music 20. formation/training 21. kedey afin de/in order to 22. khsidishe hassidiques/hasidic 23. nigunim mélodies 24. tsigane/Gypsy 25. plutôt/rather 26. font référence pour vous/are your references 27. admire 28. royshem impression 29. eytse conseil/advice 30. mekoyrim sources 31. און אַזוי ווײַטער 32. disques/records 33. zmires chants du shabbat/Sabbath songs ; «The Zmiros Project» (Traditional Crossroads, 2002) 34. shabesdike du shabat/Sabbath (*adj.*).

# דער יום־טובֿ[1] שבֿועות[2]



משה רבנו גיט די ייִדן די צען געבאָט (מיניאַטור פֿון 13טן יאָרהונדערט)

פֿאַר וואָס איז שבֿועות אַזאַ וויכטיקער יום־טובֿ ? ווײַל שבֿועות־צײַט פֿײַערט מען דעם טאָג ווען ייִדן האָבן געקראָגן די תּורה[3]. ווען די קינדער פֿון ישׂראל[4] זײַנען אַרויס פֿון מצרים[5], האָבן זיי לאַנג געוואַנדערט אין מידבר[6]. ווען זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט בײַם פֿוס פֿון באַרג סיני[7], איז משה רבנו[8] אַרויף אויפֿן באַרג. דאָרט האָט ער פֿון גאָטס האַנט געקראָגן די צוויי שטיינערנע טאָוולען[9], וואָס מע רופֿט זיי די לוחות[10]. אויף די לוחות זײַנען געשטאַנען די עשׂרת־הדיברות[11], דאָס הייסט די צען געבאָט[12], וואָס זײַנען דער פֿונדאַמענט פֿון דער גאַנצער תּורה. דאָס געבן די צען געבאָט אויפֿן באַרג סיני הייסט „מתּן־תּורה"[13]. לויט דער ייִדישער טראַדיציע איז דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק – די לעבעדיקע, די שוין געשטאָרבענע, און די נאָך ניט געבוירענע – געשטאַנען אונטערן באַרג סיני און האָט אָנגענומען די תּורה.

## ערשטע פֿרוכטן

שבֿועות איז אָבער אויך דער יום־טובֿ פֿון די ערשטע פֿרוכטן. ער פֿאַלט אויס[14] דעם 6טן און 7טן סיוון[15] (מײַ – יוני). אין ישׂראל איז דאָס שוין זומער, עס באַווײַזן זיך פֿרוכטן און מע מאַכט דעם ערשטן שניט[16]. אין די תּנכישע[17] צײַטן פֿלעגט מען ברענגען די דאָזיקע פֿרוכטן פֿון דעם גאַנצן לאַנד אין ירושלים[18], אין בית־המיקדש[19]. שבֿועות איז איינער פֿון די דרײַ גאָר וויכטיקע ייִדישע יום־טובֿים ווען מע פֿלעגט קומען פֿון פֿאַרשיידענע שטעט און דערפֿער קיין ירושלים, דאָס הייסט עולה־רגל זײַן[20] אין בית־המיקדש. די צוויי אַנדערע יום־טובֿים ווען מע פֿלעגט קומען אין ירושלים זײַנען פּסח[21] און סוכּות[22].

פֿאַר וואָס הייסט דער יום־טובֿ „שבֿועות" ? דער נאָמען „שבֿועות" מיינט אויף העברעיִש „וואָכן". און דער יום־טובֿ פֿאַלט אויס זיבן וואָכן נאָך פּסח. שבֿועות רופֿט מען אויך (אויף עטלעכע שפּראַכן) „דער פֿופֿציקסטער (טאָג)" – אויף גריכיש „פּענטעקאָסטע" – ווײַל ער פֿאַלט אויס פֿופֿציק טעג נאָך פּסח. שפּעטער האָבן די קריסטן געגעבן דעם דאָזיקן נאָמען אַ קריסטלעכן יום־טובֿ וואָס פֿאַלט אויס אַרום דער זעלביקער דאַטע.

## די צען געבאָט

שבֿועות לייענט מען אין שול[23] די צען געבאָט. מע לייענט אויך דעם ספֿר רות[24] וואָס רעדט וועגן שניטצײַט. רות איז געווען אַ ניט־ייִדישע פֿרוי וואָס האָט אָבער אָנגענומען דעם ייִדישן גלויבן. פֿון איר משפּחה[25] קומט אַרויס דוד־המלך[26]. די טראַדיציע זאָגט, אַז דוד איז געבוירן געוואָרן און אויך געשטאָרבן שבֿועות־צײַט.

אין די שטעט און שטעטלעך פֿון מיזרח[27]־אייראָפּע, ווען עס פֿלעגט קומען דער יום־טובֿ שבֿועות, פֿלעגט מען באַפּוצן[28] די שולן מיט בלומען און גרינע בלעטער. עסן פֿלעגט מען מילכיקס[29], צום בײַשפּיל בלינצעס מיט קעז[30]. מען ווייס ניט קלאָר פֿון וואַנען עס קומט די טראַדיציע צו עסן מילכיקס, נאָר מע זאָגט אַז ווען ייִדן האָבן געוואַרט אונטערן באַרג סיני, האָבן זיי ניט געהאַט קיין צײַט צו בראָטן[31] פֿלייש און געמאַכט מאכלים[32] וואָס מע קען גיך צוגרייטן.

## אַ פּאָר שפּריכווערטער אַרום שבֿועות

– דער חודש[33] סיוון האָט אַ גוטן כּיוון[34]
– שטיל ווי בײַ מתּן־תּורה [דאָס הייסט זייער שטיל]
– געקומען נאָך מתּן־תּורה [דאָס הייסט צו שפּעט]
– מיט גאָט, אָן גאָט – היט אָפּ די צען געבאָט

1. yontev fête/holiday ; *pl.* yontoyvim יום־טובֿים 2. shvues Chavouot, Pentecôte/Shabuoth, Pentacost 3. toyre Torah 4. ... yisroel דאָס ייִדישע פֿאָלק 5. mitsraim Egypte/Egypt 6. midber désert 7. ... sinay le mont Sinaï/Mount Sinai 8. moyshe rabeynu Moïse (notre maître)/Moses (our master) 9. tables de pierre/stone tablets 10. lukhes les Tables de la Loi/Tables of the Law 11. aseres-hadibres les dix commandements/the Ten Commandments 12. les dix commandements/the Ten Commandments 13. matn-toyre le don de la Torah/the giving of the Torah 14. tombe/falls on 15. sivn le mois de Sivan/the month of Sivan 16. moisson/harvest 17. tana'khishe bibliques/biblical 18. yerusholaim Jérusalem 19. beys-hamigdesh le Temple de Jérusalem/the Temple 20. oyle-regl ... faire le pèlerinage/make the pilgrimage 21. peysekh Pâque (Pessah)/Passover 22. sukes Soucot/Succoth 23. *ici/here* synagogue 24. seyfer rus le livre de Ruth/the Book of Ruth 25. mishpokhe famille/family 26. dovid-hameylekh le roi David/King David 27. mizrekh de l'Est/Eastern 28. décorer/decorate 29. plats à base de laitages/dairy dishes 30. crêpes au fromage/cheese blintzes 31. rôtir/roast 32. maykholim plats/dishes ; *sing.* maykhl מאכל 33. khoydesh mois/month ; *pl.* khadoshim חדשים 34. kivn de bonnes intentions/good intentions.

# פֿאַנטאָפֿל[1] און פֿאַנטאָפֿל־מענער[2]

פֿון יוטאַ שומאַכער (טרירער אוניווערסיטעט, דײַטשלאַנד)



ווען איר קומט אַהיים אויף דער נאַכט, נאָך אַ לאַנגן און שווערן אַרבעטסטאָג – וואָס טוט איר צום ערשטן ? איך שטעל זיך פֿאָר, אַז איר טוט אויס די שיך און טוט אָן באַקוועמע פֿאַנטאָפֿל. צי בין איך גערעכט ? אָבער זאָרגט זיך נישט, יונגע־לײַט : צוליב דעם וואָס איר טראָגט פֿאַנטאָפֿל, זײַט איר נאָך ווײַט נישט קיין פֿאַנטאָפֿל־מענער. אַ פֿאַנטאָפֿל־מאַן איז, זאָלט איר וויסן, אַ בעל־הבית[3] וואָס פֿילט זיך מסתּמא[4] נישט אַזוי ווויל אין דער היים ווײַל ער איז אונטערן פֿאַנטאָפֿל בײַ זײַן ווײַב, דער בעל־הביתטע[5]. און דאָס מיינט אַז ער איז אונטערגעדריקט בײַ איר, ער ווערט פֿון איר דאָמינירט, און אפֿשר[6] שלאָגט זי אים און קאָפּעט[7] אַפֿילו[8]. באמת[9] אַ טראַגישער גורל[10]. נאָר וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט אונדזערע לאַטשן[11] ?

## עטימאָלאָגיע

דאָס וואָרט „פֿאַנטאָפֿל“ איז אַ ראָמאַניש וואָרט, וואָס מען געפֿינט פֿון 15טן יאָרהונדערט אָן אין פֿראַנצייזיש [pantoufle], איטאַליעניש [pantofol], און שפּאַניש [pantufla]. פֿון פֿראַנצייזיש אָדער פֿון איטאַליעניש האָט עס יאָרן שפּעטער איבערגענומען די דײַטשישע שפּראַך [pantoffel], און פֿון דײַטש איז עס ביסלעכווײַז אַרײַן אין די סלאַווישע און די סקאַנדינאַווישע שפּראַכן – למשל[12] אין פּויליש און טשעכיש [pantofel], דעניש [tøffel], שוועדיש [toffel] – און, פֿאַרשטייט זיך, אין ייִדיש.

אין דער ייִדישער ליטעראַטור געפֿינט מען אַ פֿאַנטאָפֿל שוין אין אַ בוך פֿון 1650, וואָס הייסט *דרכּי־ציון*[13]. דער מחבר[14] גיט אַן עצה[15] מיטצונעמען פֿאַנטאָפֿל, ווען מען פֿאָרט קיין ירושלים[16], ווײַל ס'איז אָפֿט קאַלט דאָרטן, און די ירושלימער פֿאַנטאָפֿל זײַנען נישט גוט. אויך אין *שׂמחת־הנפֿש*[17] פֿון 1707 רעדט מען וועגן פֿאַנטאָפֿל. ס'איז געשריבן דער דין[18], אַז אַ כּהן[19] מוז זיך וואַשן די הענט נאָך דעם וואָס ער האָט אָנגעטאָן זײַנע שיך. אָבער ווען ער טוט אָן שטעקשיך[20], וואָס מע טוט זיי אָן אָן די הענט, דאַרף ער נישט וואַשן די הענט.

דער גענויער אָפּשטאַם[21] פֿון אָט דעם שוך און די עטימאָלאָגיע פֿון דעם וואָרט זײַנען נישט זייער קלאָר. אָבער וויסן ווייסט מען יאָ, אַז דער פֿאַנטאָפֿל איז נישט תּמיד[22] געווען אַ שטעקשוך פֿון פֿילץ[23] אָדער שטאָף, וואָס מען טראָגט אים אין דער היים. אַ מאָל איז ער געווען אַ געוויינטלעכער גאַסנשוך פֿון קאָריק[24] אָדער האָלץ, אַ מאָל אַ מין אייבערזאָק פֿאַרן ווינטער און אַ מאָל אַן עלעגאַנטער שוך, וואָס עס האָבן אים געטראָגן אַדללײַט[25], די מלכּה[26] אָדער אַפֿילו דער פּויפּסט[27] אין דער עפֿנטלעכקייט[28].

## און דער פּויפּסט ?

ניין, אַ פּויפּסט איז אַוודאי[29] נישט קיין פֿאַנטאָפֿל־מאַן. אַ פּויפּסט האָט דאָך געוויינטלעך נישט קיין ווײַב, וואָס זאָל אים קענען שלאָגן. אַחוץ דעם[30] ווױנט דער פּויפּסט אין איטאַליע, און אין איטאַליעניש עקסיסטירט פּשוט[31] נישט דאָס וואָרט „פֿאַנטאָפֿל־מאַן“ מיט דעם טײַטש „אונטערגעדריקטער מאַן“. אויך נישט אין פֿראַנצייזיש, בקיצור[32] אין קיין שום ראָמאַנישער שפּראַך נישט. דאַכט זיך אַז פֿרויען אין די ראָמאַנישע לענדער זײַנען נישט קיין אונטערדריקערינס.

## בײַ די דײַטשן

דײַטשישע און סקאַנדינאַווישע בעלי־בתּים קענען יאָ זײַן אונטערן פֿאַנטאָפֿל בײַ זייערע פֿרויען, אָבער רופֿן רופֿט מען זיי דאָרטן נישט „פֿאַנטאָפֿל־מענער“ נאָר „פֿאַנטאָפֿל־העלדן“, וואָס איז שטאַרק איראָניש, פֿאַרשטייט זיך. דער־אָ אויסדרוק איז אויפֿגעקומען אין 18טן יאָרהונדערט, ווען דער פֿאַנטאָפֿל איז שוין געווען אַ שטוביקער שוך און אַ סימבאָל פֿאַר דער שליטה[33] פֿון אַ בעל־הביתטע איבער איר מאַן. ס'איז אַ רחמנות[34] אויף די אומשולדיקע לאַטשן ! כאָטש מען טרעפֿט אָן דעם פֿאַנטאָפֿל־מאַן אין אַלע ייִדישע ווערטערביכער, באַגעגנט מען אים נישט אַזוי אָפֿט אין דער ליטעראַטור ; אָבער פֿאָרט...

זעט למשל : אין מענדעלע מוכר־ספֿרימס[35] אַלעגאָרישער פּאָעמע, *ייִדל*[36] רעדט דער שׂטן[37] צו ייִדלען, דעם הויפּט־פֿאַרשוין אין

[סוף זײַט 12]

1. pantoufle/house-slipper 2. maris soumis/henpecked husbands 3. balebos *ici* chef de famille/*here* head of household ; *plur.* בעלי־בתּים balebatim 4. mistome probablement/probably 5. baleboste maîtresse de maison/mistress of the house 6. efsher peut-être/perhaps 7. donne des coups de pieds/kicks 8. afile même/even 9. beemes vraiment/truly 10. goyrl destin/fate 11. סינאָנים פֿון פֿאַנטאָפֿל 12. lemoshl par exemple/for example 13. darke-tsien 14. mekhaber auteur/author 15. eytse conseil/advice 16. yerusholaim Jérusalem 17. simkhes-hanefesh 18. din loi/law 19. koyen Cohen 20. נאָך אַ סינאָנים פֿון פֿאַנטאָפֿל 21. origine/origin 22. tomid toujours/always 23. feutre/felt 24. liège/cork 25. les nobles/noblemen 26. malke reine/queen 27. pape/pope 28. en public/in public 29. avade bien sûr/of course 30. akhuts ... d'ailleurs/moreover 31. poshet simplement/simply 32. bekitser bref/in short 33. shlite domination 34. rakhmones quelle pitié !/a pity ! 35. ... moykher sforims de/by Mendele Moykher Sforim (1836-1917) 36. אין : *אַלע ווערק*, באַנד 4, וואַרשע 1913, די ווײַטערדיקע ציטאַטן זײַנען אויף די זײַטן 28 און 33. 37. sotn Satan

# ש. אַן – סקי[1] און זײַן דיבוק[2] : נײַע פֿאַקטן און השערות[3]

## פֿון מיכאל קרוטיקאָוו (אָקספֿאַרד)



צוויי סצענעס פֿונעם באַלעט „לאה“ ...

די אַנטדעקונג פֿון דעם אָריגינעלן רוסישן כּתבֿ־יד[4] פֿון דער באַרימטער דראַמע *צווישן צוויי וועלטן (דער דיבוק)* עפֿנט אַ נײַעם קאַפּיטל אין דער פֿאָרשונג פֿון ש. אַן–סקיס לעבן און שאַפֿונג. עס איז געווען לאַנג באַוווסט אַז ש. אַן–סקי האָט צו ערשט אָנגעשריבן דעם *דיבוק* אויף רוסיש. במשך פֿון[5] אַ פּאָר יאָר האָט ער געזוכט אַ רעזשיסאָר, וואָס זאָל אויפֿפֿירן זײַן דראַמע אויף דער רוסישער בינע. צווישן אַנדערע האָט ער זיך געוואָנדן[6] צום גרויסן קאָנסטאַנטין סטאַניסלאַווסקי פֿון דעם מאָסקווער קונסט־טעאַטער, אָבער קיין מזל[7] מיט אים, ווי אויך מיט אַנדערע רוסישע טעאַטער־מענטשן, האָט ש. אַן–סקי ניט געהאַט. אַחוץ[8] איין קורצן פֿראַגמענט, איז דער רוסישער טעקסט קיין מאָל ניט דערשינען אין דרוק. און מע האָט געהאַלטן, אַז דער כּתבֿ־יד איז נעלם געוואָרן[9], בעת[10] אַן–סקיס פּליטה[11] פֿון רוסלאַנד אין 1918.

אָבער איין נוסח[12] פֿון דעם רוסישן *דיבוק* האָט זיך פֿונדעסטוועגן אָפּגעהיט אינעם אַרכיוו פֿונעם צאַרישן צענזור־קאָמיטעט בײַ דער פּעטערבורגער טעאַטער־ביבליאָטעק. [...] איצט איז דער דאָזיקער טעקסט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין דעם קיִעווער אַלמאַנאַך *יעהופּעץ*[13] (באַנד 10, 2002) צוזאַמען מיט דער הקדמה[14] און קאָמענטאַרן פֿון דאָקטער יוחנן[15] פּעטראָווסקי־שטערן. די דאָזיקע פּובליקאַציע וואַרפֿט אַ נײַע שײַן אויף דעם לאַנגן און קאָמפּליצירטן פּראָצעס פֿון אַן–סקיס אַרבעט איבער זײַן דראַמע. דער רוסישער טעקסט באַשטייט פֿון צוויי כּתבֿ־ידן, וואָס זײַנען גאַנץ אַנדערש פֿון דעם באַקאַנטן ייִדישן נוסח. אַ פּנים[16] האָט דער מחבר[17] צוגעשטעלט דעם טעקסט פֿון זײַן דראַמע אין צענזור אין צוויי חלקים[18]. דער ערשטער כּתבֿ־יד טראָגט דעם טיטל *צווישן צוויי וועלטן (דיבוק) אַ ייִדישע דראַמאַטישע לעגענדע אין דרײַ אַקטן*. אין פֿאַרגלײַך מיט דעם באַקאַנטן ייִדישן טעקסט פֿעלט דאָ דער צווייטער אַקט, אין וועלכן חננס[19] דיבוק גייט אַרײַן אין לאהן[20] ערבֿ[21] איר חתונה[22]. דער צווייטער אַקט צוזאַמען מיט אַ פּראָלאָג און אַן עפּילאָג געפֿינען זיך אינעם אַנדערן כּתבֿ־יד, וואָס זעט אויס ווי אַ שפּעטערדיקער צוגאָב צו דעם ערשטן, ווײַל דאָ הייסט שוין די פּיעסע *אַ ייִדישע דראַמאַטישע לעגענדע אין פֿיר אַקטן מיט אַ פּראָלאָג און אַן עפּילאָג*. דער פּראָלאָג און דער עפּילאָג פֿון דעם רוסישן טעקסט זײַנען ניט אַרײַן אין דעם באַקאַנטן ייִדישן נוסח.

און נאָך איין וויכטיקער אונטערשייד : אין דעם רוסישן נוסח פֿעלט אין גאַנצן דער משולח־געשטאַלט[23], וועלכער באַגלייט די האַנדלונג[24] אין דעם ייִדישן נוסח מיט זײַנע באַמערקונגען און דערקלערונגען. פֿון דעם



... אינספּירירט פֿון אַן–סקיס „דיבוק“

סטרוקטורעלן שטאַנדפּונקט דינט דער משולח ווי אַ פֿאַרבינדונג צווישן דער „אָפֿענער“ ברייטער וועלט פֿון דער רעאַלקייט און דער „פֿאַרמאַכטער“ קלײנער וועלט פֿון דער לעגענדע. [...]

[בײַם שאַפֿן דעם *דיבוק*] האָט אַן–סקי אויסגעניצט דעם רײַכן פֿאָלקלאָר־מאַטעריאַל, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט בעת די עטנאָגראַפֿישע עקספּעדיציעס[25] פֿאַר דער

[סוף זײַט 12]

1. shin anski (1863-1920) pseudonyme de/pen name of Shloyme Zanvil Rapoport 2. dibek *Le Dibbouk/The Dibbuk* 3. hashores hypothèses/hypotheses 4. ksavyad manuscrit/manuscript 5. bemeshekh... pendant/during 6. s'est adressé/turned to, applied to ; *inf.* ווענדן זיך 7. mazl chance/luck 8. akhuts à part/except for 9. nelm... a disparu/disappeared 10. beys pendant/during 11. pleyte fuite/flight (escape) 12. nusekh version 13. revue en russe consacrée à la culture juive/magazine in Russian devoted to Jewish issues 14. hagdome préface 15. yoykhenen 16. aponem apparemment/apparently 17. mekhaber auteur/author 18. khalokim parties/parts ; *sing.* חלק kheylek 19. khonens de Khonen/Khonen's 20. leyen en Leye/into Leye (*Khonen et Leye sont les héros de la pièce/Khonen and Leye are the heros of the play*) 21. erev la veille de/on the eve of 22. khasene mariage/wedding 23. meshulekh ... personnage du messager/messenger figure 24. action 25. פֿון 1912 ביז 1914 האָט אַן–סקי אָנטייל גענומען אין אַן עקספּעדיציע צו זאַמלען ייִדישן פֿאָלקלאָר אין רוסלאַנד

# אַ נס[1] בײַ די סקווערער חסידים[2] –
# אַ רעדנדיקער קאַרפּ

ביי די סקווערער חסידים פֿון ברוקלין ביז מאָנטרעאָל קאָכט זיך די לעצטע פּאָר וואָכן וועגן אַ נײַעם נס: מיט מער ווי אַ חודש[3] צוריק, אין אַ פֿישקרעמל אין נײַ־סקווער[4], האָט אַ קאַרפּ דערקלערט, אַז ער איז די נשמה[5] פֿון משה יהודה[6] געשטעטענער (אויך באַקאַנט ווי „מישהו"[7]), און איז נתגלגל געוואָרן[8], ווײַל ער האָט געזוכט אַ תּיקון[9]. ווען מע וועט עסן דעם פֿיש לכּבֿוד[10] שבת[11], וועט ער קענען זוכה זײַן[12] צו קומען אין גן־עדן[13].

מאַקס גראָס, אַ שרײַבער בײַם ענגלישן „פֿאָרווערטס", איז די וואָך געפֿאָרן קיין נײַ־סקווער, און שרײַבט אינעם לעצטן נומער וואָס ער האָט דאָרט געהערט: דער קאַרפּ האָט אַ פּנים[14] „געעפֿנט דאָס מויל" צו לויִס ניוועלאָ, אַ נישט ייִדישן אַרבעטער אין דער קראָם. ניוועלאָ האָט פֿאַר שרעק געגעבן אַ געשריי. זײַן באַלעבאָס, זלמן[15] ראָזען, און אַ דריטער אַרבעטער, זלמן־משה[16] ראָזענפֿעלד, זענען גלײַך צוגעלאָפֿן און דערהערט ווי דער פֿיש רעדט אויף לשון־קודש[17]. אַ צעחושטער[18] האָט ראָזען על־פּי־טעות[19] זיך צעשניטן מיטן מעסער. פּלוצלינג איז דער פֿיש אַרײַנגעשפּרונגען אין אַ בערגל אַנדערע פֿיש, אָבער מע האָט שוין נישט געוווּסט, וועלכער פֿיש ער איז, האָט מען אים פֿאַרקויפֿט מיט די אַנדערע.

דער באַלעבאָס פֿון דער קראָם האָט דערציילט, אַז ער האָט שוין באַקומען טויזנטער בריוו און טעלעפֿאָנען, ווי מענטשן האָבן ספֿקות[20], צי ס'איז טאַקע אמת[21]. ווען ניוועלאָ האָט עס, למשל[22], דערציילט זײַן משפּחה[23] האָבן זיי אים געזאָגט, אַז ער איז אַראָפּ פֿון זינען[24]. אַנדערע אָבער גלייבן אין דעם יאָ. [...] הרבֿ מאיר[25] שילער, וועלכער לערנט זונטיק אין דער מיידל־ישיבֿה[26], זאָגט, אַז אַ רעדנדיקער פֿיש איז נישט קיין נײַע זאַך. „אין דער קבלה[27] לערנען מיר וועגן נשמות וואָס ווערן מגולגל[28] אין כּלערליי[29] באַשעפֿענישן – בפֿרט[30] אין פֿיש."



**אין אַ חסידישער פֿישקראָם אינעם שטעטל נײַ־סקווער (ניו־יאָרק)**

איין סקווערער חסידה[31] האָט באַמערקט, אַז בײַם אָנהייב האָט זי אויך געגלייבט, אָבער מיט דער צײַט האָט זי זיך באַרעכנט[32]. „פֿאַראַיאָרן האָט מען אין ישׂראל[33] געזאָגט, אַז אַ דיבוק[34] איז אַרײַן אינעם גוף[35] פֿון אַ פֿרוי און איר געמאַכט רעדן מיט אַ מאַנס קול[36]. צום סוף[37] האָט זיך אַרויסגעוויזן[38], אַז די פֿרוי איז בלויז אַ ישׂראלדיקע[39] אַקטריסע. דאָס איז מסתּמא[40] אַן ענלעכע זאַך."

1. nes miracle ; *pl.* nisim נסים 2. ... khsidim groupe hassidique originaire de Skver (Ukraine)/Hasidic group originating from Skver (Ukraine) 3. khoydesh mois/month 4. New Square : ville dans l'Etat de New York fondée par ce groupe/town in upstate New York founded by these Hasidim 5. neshome âme/soul 6. moyshe-yehude 7. mishehu 8. nisgalgl ... s'est réincarné/was reincarnated 9. tikn salut/salvation 10. lekoved en l'honneur de/in honor of 11. shabes shabbat 12. zoykhe ... méritera de/will earn the right to 13. gan-eydn paradis/Paradise 14. aponem apparemment/apparently 15. zalmen 16. zalmen-moyshe 17. loshn-koydesh langue sacrée (hébreu)/holy tongue (Hebrew) 18. tsekhushter troublé/bewildered 19. alpi-toes accidentellement/by accident 20. sfeykes doutes/doubts 21. emes vérité/truth 22. lemoshl par exemple/for example 23. mishpokhe famille/family 24. perdu sa tête/out of his mind 25. horav meyer le rabbin/Rabbi Meyer ... 26. ... -yeshive école de jeunes filles/girls' school 27. kabole Cabale/Cabbala 28. ... megulgl se réincarnent/are reincarnated 29. kolerley toutes sortes/all kinds of 30. bifrat spécialement/especially 31. khside femme hassidique/hasidic woman ; *fém. de/of* חסיד khosed 32. a changé d'avis/changed her mind 33. yisroel Israël 34. dibek esprit d'un mort qui entre dans un être vivant/soul of a dead person that enters the body of a living one 35. guf corps/body 36. kol voix/voice 37. ... sof finalement/in the end 38. il s'est avéré/it turned out 39. yisroeldike israélienne/Israeli 40. mistome probablement/probably.




## איך וויל אַבאָנירן דעם *פֿאָרווערטס*

נאָמען : ........................................

אַדרעס : ........................................................................

........................................................................

אַבאָנעמענט־פּרײַזן :

פֿאַראייניקטע שטאַטן[1] : איין יאָר – 36 דאָלאַר, האַלב יאָר – 21 דאָלאַר

איבער דער וועלט :

ים־פּאָסט[2] : איין יאָר – 40 דאָלאַר, האַלב יאָר - 25 דאָלאַר

לופֿטפּאָסט[3] : איין יאָר – 97 דאָלאַר

קרעדיט־קאַרטע־נומער : ........................................

אויסגאַנג[4]־דאַטע : ........................................

שיקט דאָס צעטל אויפֿן אַדרעס :

The Yiddish Forward

45 E 33rd Street, New York, NY 10016 USA

בליצפּאָסט[5]־אַדרעס : faivus@Yiddish.Forward.com

1. Etats-Unis/United States 2. yam-... poste maritime/surface mail 3. poste aérienne/airmail 4. expiration 5. courrier électronique/e-mail.



[סוף פֿון זײַט 9]

דער פּאָעמע. ער פּערסאָניפֿיצירט דאָס ייִדישע פֿאָלק און זײַן כּלה[38] איז די תּורה[39]. דער שׂטן רופֿט ייִדלען אַ „פּאַנטאָפֿל־מאַן“ און לאַכט אָפּ פֿון אים : „צו פֿיל ליגסטו אונטערן ווײַבס פּאַנטאָפֿל“, און שפּעטער : „קריך אַרויס פֿון אונטערן ווײַבס פּאַנטאָפֿל !“. ביידע מאָל גראַמט זיך דאָרטן דאָס וואָרט „פּאַנטאָפֿל“
מיט „מ׳פֿיסטאָפֿל“.
און אין אליעזר שטיינבאַרגס[40]
משל[41] *שלומיאל* [42] איז דער העלד
(שלומיאל) דער אָפּצאַס[43] פֿון אַ
פּאַנטאָפֿל און אויך אַ
פּאַנטאָפֿל־מאַן – תּמיד[44]
טרעט מען אים אויפֿן קאָפּ.
שטיינבאַרג באַניצט אָבער
נישט דאָס וואָרט „פּאַנטאָפֿל־
מאַן“ נאָר „פּאַנטאָפֿל־העלד“, ווי
אין דײַטש, צוליב דעם וואָס עס
דאַרף זיך גראַמען מיט דעם וואָרט
„וועלט“. לסוף[45] אַנטלויפֿט דער אָפּצאַס
שלומיאל, ער דרייט זיך אַרויס פֿון אונטער
דעם פּאַנטאָפֿל און... אָבער לייענט אַליין, אָט
איז דער סוף פֿון דעם משל :
און געדרייט, געדרייט
און זיך טאַקע אויסגעדרייט !
אָבער וואָס ? נאָך וואָס ? אומזיסט !
אויסגעדרייט זיך פֿון פּאַנטאָפֿל און אַרײַן אין
מיסט !

38. kale sa promise/his betrothed 39. toyre Torah 40. eliezer ... de/by Eliezer Shteynbarg (1880-1932) 41. moshl fable ; *plur.* משלים mesholim. 42. shlumiel אין : *משלים*, באַנד 2, תּל־אָבֿיבֿ, 1956, זײַטן 123-124 43. talon/heel 44. tomed tout le temps/all the time 45. lesof à la fin/in the end.

[סוף פֿון זײַט 10]

ערשטער וועלט־מלחמה[26]. דער רוסישער נוסח פֿון דעם *דיבוק* נעמט אַרײַן אַ סך חסידישע[27] לעגענדעס און מעשׂיות[28], דער עיקר[29] וועגן דעם בעש״ט[30]. צומאָל האָבן די דאָזיקע דיגרעסיעס אַ קנאַפּן שײַכות[31] צו דעם סיפּור־המעשׂה[32] און פֿאַרשווערן[33] די האַנדלונג. אַ פּנים האָט אַן־סקי אַזוי אַליין געפֿילט, ווײַל שפּעטער האָט ער באַזײַטיקט אַ סך פֿון זיי. די דאָזיקע פֿאַרקירצונגען האָבן געמאַכט זײַן ווערק מער דינאַמיש און דראַמאַטיש.

דער רוסישער נוסח פֿון דעם *דיבוק* ווײַזט בפֿירוש[34], ווי שווער עס איז געווען פֿאַר אַן־סקין צו געפֿינען פּאַסיקע רוסישע ווערטער און אויסדרוקן פֿאַר קאַבאַליסטישע און חסידישע באַגריפֿן[35]. צו מאָל זײַנען זײַנע איבערזעצונגען פּשוט[36] ניט פֿאַרשטענדלעך אָן דעם ייִדישן טעקסט, צו מאָל קלינגען זיי צו פֿרעמד פֿאַר אַ ייִדישן אויער, ווײַל דער גאַנצער „גײַסטלעכער“ וואָרט־אוצר[37] אין דער רוסישער שפּראַך שטאַמט פֿון קריסטנטום.

דאָס האָט געשאַפֿן אַ פּראָבלעם ניט נאָר פֿאַר דעם מחבר, נאָר אויך פֿאַר דער צאַרישער צענזור. דער רוסישער צענזאָר באַראָן דריזען (אַן אויפֿגעקלערטער און פֿרײַנדלעכער מענטש, לויט אַן־סקיס אייגענעם אָפּרוף) האָט ניט געוואָלט געבן זײַן הכשר[38] צוליב דער סצענע, ווו דער רבי[39] טרײַבט דעם דיבוק אַרויס. דער דאָזיקער עפּיזאָד האָט דערמאָנט דעם צענזאָר אָן דער עוואַנגעלישער מעשׂה, אין וועלכער יעזוס טרײַבט אַרויס שדים[40] פֿון באַזעסענע[41] מענטשן. סוף־כּל־סוף[42] האָט מען געפֿונען אַ פּשרה[43] : אַן–סקי האָט געביטן דאָס וואָרט „גײַסט“, וואָס האָט געקלונגען צו קריסטלעך, אויף „שאָטן“, וואָס האָט צוגעגעבן דער גאַנצער מעשׂה אַן אַלט־גריכישן בײַטעם[44]. פֿאַרשטייט זיך, אין דעם ייִדישן נוסח איז קיין זכר[45] דערפֿון ניט פֿאַרבליבן.

אין די לעצטע פּאָר יאָר איז דער *דיבוק*ווידער געוואָרן פּאָפּולער אין רוסלאַנד. די טעאַטער־קריטיק האָט באַזונדער געלויבט דעם באַלעט *לאה*, אויף דער מוזיק פֿון לעאָנאַרד בערנשטיין, אויפֿגעפֿירט אין מאָסקווע. [...]

26. milkhome guerre/war 27. khsidishe hassidiques/hasidic 28. mayses histoires/stories 29. ... iker surtout/mainly 30. besht *acronyme de/acronym of* ישׂראל בעל שם טובֿ yisroel bal shemtov fondateur du hassidisme/founder of Hasidism 31. ... shaykhes peu de rapport/little to do with 32. siper-hamayse intrigue/plot 33. alourdissent/weigh down 34. befeyresh clairement/clearly 35. concepts 36. poshet simplement/simply 37. ...-oytser vocabulaire/vocabulary 38. hekhsher autorisation/authorization 39. rebe maître hassidique/hasidic rabbi 40. sheydim démons/devils 41. possédés/possessed 42. sofkl-sof finalement/finally 43. pshore compromis/compromise 44. ... baytam parfum de grec ancien/flavor of ancient Greek 45. zeykher trace.

דער ייִדישער
טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

*דער ייִדישער טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע
פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַרן
ייִדיש־לימוד און פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט
גאָלדע, זשיל, יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ,
עוולין, רבֿקה, רובי, שלמה, שרון.

Der Yidisher Tamtam
Maison de la Culture Yiddish
18, passage Saint-Pierre Amelot
75011 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
medem@yiddishweb.com

מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם*
אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com